**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ווייטערע שריט צו אדרעסירן פאליא און פארמערן שטיצע פאר קאונטי העלט דעפארטמענטס

***ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער דעקלערט פאליאווירוס אלץ 'באלדיגע סכנה פאר פובליק געזונטהייט' כדי צו פארברייטערן הילפס-מיטלען פאר לאקאלע העלט דעפארטמענטס'ס וואקסינאציע באמיאונגען***

***העלט דעפארטמענט זעצט פאר צו נאכפאלגן פאטענציאלע פארשפרייטונג און ארבעט מיט לאקאלע העלט דעפארטמענט בעאמטע און מיט שותפים אין קאמיוניטיס צו העכערן וואקסינאציע ראטעס צווישן קינדער***

**לייענט די** ***[קאמישאנער'ס דעקלעראציע בריוו](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נאך שריט וואס ניו יארק סטעיט נעמט אונטער צו אדרעסירן די סכנה פון פאליאווירוס, נאכפאלגנדיג באווייזן אז דער ווירוס דרייט זיך ארום אין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג מיט א אפיציעלע דעקלעראציע צו קענען ווייטער שטיצן לאקאלע העלט דעפארטמענטס צו ארויפטרייבן וואקסינאציעס. פריער היינט האט ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. מערי טי. באסעט, דעקלערט דעם פאליאווירוס אלץ א באלדיגע סכנה פאר די פובליק געזונטהייט אין ניו יארק סטעיט, פארברייטערנדיג דערמיט די געלטער און הילפס-מיטלען וועלכע זענען דא צו שטיצן לאקאלע העלט דעפארטמענטס מיטן אויפשטעלן וואקסינאציע קליניקס, ארויסשיקן וואקסינען צו דאקטוירים און ארבעטן מיט אומוואקסינירטע אדער נישט-פולשטענדיג וואקסינירטע ניו יארקער כדי צו העכערן די וואקסינאציע ראטעס, באזונדערס אין געגנטער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דעם ווירוס און באזונדערס צווישן קינדער.

"פון די ערשטע טאג האבן מיר אונטערגענומען אן אגרעסיווע פובליק געזונטהייט צוגאנג צו באקעמפן די פארשפרייטונג פון פאליא און צו זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען באשיצט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היינטיגע דעקלעראציע וועט פארשטערקערן אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן ניו יארקער פון פאראליזירנדע קראנקייט, פארמיידן פארשפרייטונג און שטיצן אונזערע שותפים אין פובליק געזונטהייט."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** "ארבעטנדיג אויף א טעגליכן פארנעם מיט לאקאלע קאונטי העלט דעפארטמענטס, מיט אונזערע שותפים אין די CDC און מיט פארטרויליכע קאמיוניטי פירער — ארבעט די דעפארטמענט אויף א ווירקזאמען אופן צו העכערן וואקסינאציע ראטעס צווישן קינדער און אין קאמיוניטיס אין קאונטיס וואו דער ווירוס איז אויפגעכאפט געווארן. א דאנק די וואקסינאציע פאדערונגען וועלכע זענען שוין פון לאנג אוועקגעשטעלט אין סקולס, זענען די גרויסע מערהייט פון ערוואקסענע און רוב קינדער פולשטענדיג וואקסינירט קעגן

פאליא. מיר קאנצעטרירן זיך ווייטער צו זיכער מאכן אז יונגע קינדער באקומען די פאליא וואקסינאציעס אויף א צייטליכן פארנעם און אז קינדער און ערוואקסענע וועלכע זענען נישט – אדער נאר טיילווייז – וואקסינירט ווערן צייטליך מיט וואקסינען אין באטראפענע געגנטער. די ארבעט גייט אן מיטן פולן קראפט."

די היינטיגע דעקלעראציע ערמעגליכט לאקאלע רעגירונגען צו ארבעטן פון די נאענט מיט די סטעיט העלט דעפארטמענט'ס אפיס פון פובליק געזונטהייט מאסנאמען (Office of Public Health Practice) צו קענען צוריקבאקומען געלט וואס זיי גיבן אויס אויף פובליק געזונטהייט אקטיוויטעטן. די קאמישאנער'ס דעקלעראציע נעמט אריין פאליאווירוס-אפרופונג אקטיוויטעטן וועלכע זענען אונטערגענומען געווארן פון יולי 21 ביז דעצעמבער 31.

ארבעטנדיג צוזאמען מיט די סטעיט העלט דעפארטמענט, זעצן לאקאלע העלט דעפארטמענטס פאר זיך צו אפרופן אקטיווערהייט צו פאליא אין ניו יארק סטעיט דורכן אונטערזוכן אפלויף וואסער, קלינישע נאכפאלגונג פון פאציענטן און גיבן וואקסינאציעס פאר ניו יארק סטעיט וועלכע זענען נישט וואקסינירט אדער נישט פולשטענדיג וואקסינירט. די דעפארטמענטס פירן אויך דורך קאמפיינען צו אויפקלערן און ארבעטן מיט קאמיוניטיס וואו דער ווירוס איז אויפגעכאפט געווארן כדי צו פארשפרייטן באקאנטשאפט און מוטיגן מענטשן צו וואקסינירט ווערן, באזונדערס פאר עלטערן און אויפציהער פון יונגע קינדער.

נאכפאלגנדיג א פאל פון פאראליזירנדע פאליא וואס איז [אויפגעכאפט געווארן](#) אין אן אומוואקסינירטער מענטש אין ראקלענד קאונטי, האט די סטעיט העלט דעפארטמענט אנגעהויבן אונטערזוכן די אפלויף וואסער — א וועג צו טרעפן סימנים פון דעם ווירוס אין אפלויף וואסער פון קאמיוניטיס. לאבארעטאריע אנאליזן דורך די צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג ( Centers for Disease Control and Prevention, CDC) האט זינט דאן געטראפן איבערחזר'נדע באווייזן פון פאליאווירוס וועלכע זענען אויפגעכאפט געווארן אין סעמפלס וועלכע זענען אפגענומען געווארן אין ראקלענד קאונטי, אראנדזש קאונטי און סאַליוען קאונטי, און עס איז אויך אויפגעכאפט געווארן אין סעמפלס פון ניו יארק סיטי און נעסאו קאונטי.

ניו יארק סטעיט האט קאנצעטרירט אירע באמיאונגען אין געגנטער וואו די סכנה איז העכער — אריינרעכענענדיג וואו עס איז אויפגעכאפט געווארן מערערע מאל און וואו עס איז דא א פארהעלטנסמעסיג נידעריגערע פראצענט פון קינדער וועלכע האבן פארענדיגט זייער פאליא וואקסין סעריע וואס באשטייט פון דריי דאזעס ביי די 2 יאר אלט. די געגנטער רעכענען אריין ראקלענד, ארענדזש און סאַליוען קאונטיס.

פריער דעם חודש האט גאווערנער האקול דעקלערט א [סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי](#) צו אגרעסיווערהייט באהאנדלען סיי וועלכע פאטענציאלע פארשפרייטונג און סכנה צו די פובליק געזונטהייט. די דעקלעראציע פארמערט די הילפס-מיטלען וועלכע זענען דא צו באשיצן ניו יארקער קעגן די פאראליזירנדע קראנקייט.

גאווערנער האקול האט שוין בעפאר דעם ארויסגעגעבן [עקזעקיוטיוו ארדער](#) וועלכע האט פארברייטערט אויף א באלדיגן פארנעם די נעטווארק פון מענטשן וועלכע זענען אויטאריזירט צו גיבן פאליא וואקסינען דורכן ערלויבן הצלה מעמבערס, הייבאמען (מידווייפס) און פארמאסיסטן צו גיבן וואקסינען און דורכן אויטאריזירן דאקטוירים און סערטיפייד נוירס פרעקטישאנערס צו באשטעלן פאליא וואקסינען אן א נאמען פון א פאציענט. די עקזעקיוטיוו ארדער וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין יולי פאדערט אויך דאקטוירים צו שיקן פאליא וואקסינאציע ציפערן צו די סטעיט העלט דעפארטמענט דורך די ניו יארק סטעיט אימיוניזאציע אינפארמאציע סיסטעם (New York State Immunization Information System) — ערמעגליכנדיג דערמיט די אגענטור און לאקאלע העלט דעפארטמענטס צו קאנצעטרירן זייערע

וואקסינאציע באמיאונגען דארטן וואו עס פעהלט די מערסטע אויס און דורכן צושטעלן נאך א ציפער צו פארשטיין און האלטן חשבון פון די שטאפל פון שוץ קעגן פאליא אין קאמיוניטיס.

פאליא וואקסינאציע איז שוין פון לאנג טייל פון די רעקאמענדירטע וואקסין סעקדזשול פון די צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג'ס אדווייזארי קאמיטע אויף וואקסינאציע מאסנאמען און פון ניו יארק סטעיט'ס פאדערונגען צו קענען גיין אין סקולל. רוב ערוואקסענע און פילע קינדער אין ניו יארק סטעיט זענען שוין וואקסינירט.

פאליא וואקסינען גיבן דויערהאפטיגע שוץ, און דער נישט-אקטיווע פאליא וואקסין – דער איינציגסטער וואקסין וואס איז דא צו באקומען אין די פאראייניגטע שטאטן – באשיצט 99 ביז 100 פראצענט פון מענטשן וועלכע באקומען אלע רעקאמענדירטע דאזעס קעגן קראנקייט. פון יולי 21 ביז סעפטעמבער 25 זענען בערך 26,000 פאליא וואקסין דאזעס געגעבן געווארן פאר קינדער פון 18 יאר און יונגער אין ראקלענד, ארענזש, סאַליווען און נעסאו קאונטיס — א 26 פראצענטיגע וואוקס אין פארגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט אין 2021.

עלטערן און אויפציהער פון קינדער וואס זענען 17 יאר אדער יונגער וועלכע זענען נישט וואקסינירט אדער וועלכע זענען נישט צייטליך מיט זייערע פאליא וואקסינען זאלן באלד זיכער מאכן אז זייערע קינדער ווערן צייטליך מיט אלע רעקאמענדירטע דאזעס. דאס איז באזונדערס דרינגנד אויב זיי וואוינען, ארבעטן, גייען אין סקול אדער טרעפן זיך אפט מיט מענטשן אין קאמיוניטיס וואו פאליאווירוס איז געווארן אויפגעכאפט עטליכע מאל אין די אפלויף וואסער, ארייגרעכענענדיג ראקלענד, ארענדזש און סאַליווען קאונטיס.

ניו יארקער וועלכע זענען טיילווייז אדער בכלל נישט וואקסינירט וועלכע וואוינען אדער ארבעטן אין געגנטער וואו דער פאליאווירוס איז אויפגעכאפט געווארן עטליכע מאל און האבן גרעסערע אויסזיכטן צו ווערן אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס זאלן זיכער מאכן צו באקומען אלע רעקאמענדירטע דאזעס.

ניו יארקע ערוואקסענע אינדרויסן פון די געגנטער וועלכע זענען נישט וואקסינירט, נישט זיכער אויב זיי זענען וואקסינירט אדער זענען נישט צייטליך מיט זייערע וואקסינאציעס זאלן זיך דורכרעדן מיט א דאקטאר. אויב וואקסינאציע איז רעקאמענדירט אבער זיי קענען נישט טרעפן א פלאץ וואס האט דאזעס צו גיבן, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע העלט דעפארטמענט.

פאליא איז אן ערנסטע קראנקייט וואס שטעלט די לעבן אין סכנה, אפעקטירט די נערוון סיסטעם און קען פאראורזאכן שוואכקייט אין די מוסקלען, פאראליזירונג אדער טויט רח"ל. פאליא איז גאר אנשטעקיג און קען פארשפרייט ווערן דורך איינעם אפילו אויב זיי וייסן בכלל נישט אז זיי זענען אנגעשטעקט און אפילו זיי האבן נישט קיינע סימפטאמען — וועלכע קענען זיין מילדע סימפטאמען ענליך צו די פלו ביז פאראליזירונג, פערמאנענטע דיסאביליטיס און טויט רח"ל.

לערנט מער איבער פאליא, פאליא וואקסינאציע, פאליא וואקסינאציע ראטעס ביי קינדער פון די 2 יאר אלט לויט די קאונטי, לויט די זיפ קאוד און די לעצטע רעזולטאטן פון אפלויף וואסער אונטערזוכונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418